ק. צעטניק / תל־אביב

# ברית צווישן צוויי ברעקעלעך

איך האָב היינט איבערגעלאָזן פאַר דיר אַ ברעקעלע פון מיין פּאָרציע ברויט. זע, געליבטע, עס ליגט אויף דער דלאָניע פון מיין האַנט ווי אין אַ קרישטאָלענעם שיסעלע — נאַכט איבער אוישוויץ.

דער שלאָף וויגט די שכנים פון מיין נאַרע ווי אויף ווייכע טונקעלע טיכער. אינדרויסן צינדן זיך שטערן איבער די דעכער פון די בלאָקן. צינדן זיך און לעשן זיך באַלד אויס. היינט מער ווי אַלעמאָל האָט מיין האַרץ צו דיר גע־בענקט. דעם טייערסטן קרבן פון אוישוויץ האָב איך צו דיר געוואָלט ברענגען. און איך האָב געזאָגט: אָט דאָס ברויזעלע ברויט איז הייליק פאַר מיין געליבטער! זע, עס ליגט אויף דער דלאָניע פון מיין רעכטער האַנט.

ווו ביסטו יעצט, געליבטע?

אפשר, אַזוי ווי איך, זיצסטו יעצט ערגיץ אין אַ דייטשן פרויען־לאַגער אויף די ברעטער פון אַ נאַרע, און אַזוי ווי איך קוקסטו צום ברויט־ברעקעלע אויף דער דלאָניע פון דיין האַנט; ווייל היינט, מער פון אַלעמאָל, האָט דיין האַרץ צו מיר געבענקט און דו האָסט געזאָגט: אָט דאָס ברויט־ברעקעלע זאָל זיין הייליק פאַר מיין געליבטן?!

זע, געליבטע! די טרער אויף דער דלאָניע פון מיין צווייטער האַנט איז גרויס ווי דאָס ברויט־ברעקעלע.

קום, לאָמיר אַרויסגיין זיך אַוועקשטעלן אין דער פינצ־טערניש פון דעם זעלבן אוישוויצער הימל. אונזער ליבע וועט אַדורכשפּאַנען צווישן די צוויי ברויט־ברעקעלעך און זי וועט זיי איבערטוישן אויף די דלאָניעס פון אונזערע הענט. דו וועסט עסן מיינס, און איך וועל עסן דיינס.

זע, עס פינקלען נישט שטערן איבער דעכער פון די בלאָקן. דאָס לעשן זיך פאַרבלאָנדזשעטע פונקען פון קרע־מאַטאָריע־קוימען.

בלויז דיין פּנים וועט פינקלען אייביק אינעם גלאַנץ פון מיין טרער —

אוישוויץ, נאָוועמבער, 1943.

---

נחמן ראפּפּ / הרצליה

דאח



איז עפּעס מיר חשדנותדיק, אַ טונקל־רויטער פלעק.
שיק אורין אַ ביסעלע, מיר וועלן אונטערזוכן עס,
קאָן זיין עס איז נאָר סתם אַזוי, קאָן זיין אַז אפשר נישט,
איז אויב ס'איז סתם, איז גאָרנישט־נישט, אַ זאַלבעלע אַ קאַפּינקע,
און אויב ס'איז יאָ, איז מילא, וועט מען געבן אינסולין...
נאָר זאָרגט זשע זיך נישט זיידעשי, אין יאָרעלעך אין אייערע,